## Yorn

Vi froyen, velkhe zaynen fil gelibt un dokh nit zat,
un geyen durkhn lebn mit gelekhter un mit tsorn
in di oygn zeyere fun fayer un agat -
geven azoy zaynen di yorn.

Un zaynen oykh gevezn vi aktyorn,
vos shpiln mit a halb-moyl "Hamlet" farn mark;
vi in land, a shtoltsn, gransinyorn,
vos khapn on dem oyfshtand farn kark.

Un ze, vi demutik zey zaynen itst, mayn got,
un shtum vi a tseshmeterter klavir,
un nemen on far lib a yedns shtoys un shpot,
un zukhn dikh, nit gloybndik in dir.

## י אָ ר ן

ווי פרויען, וועלכע זיינען פיל געליבט און דאָך ניט זאַט,
און גייען דורכן לעבן מיט געלעכטער און מיט צאָרן
אין די אויגן זייערע פון פייער און אַגאַט —
געווען אַזוי זיינען די יאָרן.

און זיינען אויך געוועזן ווי אַקטיאָרן,
וואָס שפּילן מיט אַ האַלב־מויל „האַמלעט“ פאַר'ן מאַרק;
ווי אין לאַנד, אַ שטאָלצן, גראַנסיניאָרן,
וואָס כאַפּן אָן דעם אויפשטאַנד פאַר'ן קאַרק.

און זע, ווי דעמוטיק זיי זיינען איצט, מיין גאָט,
און שטום ווי אַ צעשמעטערטער קלאַוויר,
און נעמען אָן פאַר ליב אַ יעדנס שטויס און שפּאָט,
און זוכן דיך, ניט גלויבנדיק אין דיר.

*Fun:*
*Anna Margolin, "Lider"*
*Nyu-York 1929*

*transkribirt un ibergezetst fun*
*Martin Quetsche*
*www.schmarowotsnik.de*

**Jahre**

Wie Frauen, die viel geliebt wurden und doch nicht satt sind und mit Gelächter und Zorn durchs Leben gehen, in den Augen Feuer und Achat - so waren die Jahre.

Und sie waren auch wie Schauspieler, die halbherzig "Hamlet" auf dem Markt spielen; wie Grandseigneurs in einem stolzen Land, die den Aufstand beim Genick packen.

Und sieh, wie demütig sie jetzt sind, mein Gott, und stumm wie ein zerschmettertes Klavier, und wie sie jeder-manns Stoß und Spott als lieb annehmen und dich suchen, an den sie nicht glauben.